# שלמה בירנבוים

1989 — 1891

שלמה־אשר בירנבוים (Salomo Birnbaum, Solomon A. Birnbaum), איז געשטאָרבן אין טאָראָנטאָ דעם 28סטן דעצעמבער 1989, אַ פּאָר טעג נאָך זײַן 98סטן געבאָרנטאָג. ער איז געבליבן שעפֿעריש ביזן סוף פֿון זײַן לעבן. בירנבוים איז געווען דער לעצטער גדול הדור פֿון דער יידישער פֿילאָלאָגיע פֿון די יונגע פֿאָרשער וואָס האָבן זיך גענומען צו יידיש באַלד נאָך בער באָראָכאָווס טעאָרעטישער גרינדלונג פֿונעם געביט אין 1913, און וואָס האָבן, אינאײנעם גענומען, אויפֿגעבויט די נײַע וויסנשאַפֿט פֿון יידיש אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

בירנבוימס גלאָררײַכע קאַריערע אויפֿן געביט פֿון יידיש איז געווען אַ דרײַפֿאַכיקע: אי ער האָט אַרויסגעגעבן סאָלידע סטאַנדאַרדע ווערק, אי ער האָט מחדש געווען אַ וועלט מיט נײַס, אי ער האָט זיך געהאַלטן בײַ זײַנס און איז ניט נאָכגעגאַנגען דעם רובֿ פֿאָרשער פֿון יידיש אין אַ גאַנצער ריי פֿראַגן.

אויף צו באַנעמען זײַן פּיאָנערישקײַט וועט קלעקן צו דערמאָנען אַז בירנבוים האָט אָנגעשריבן די ערשטע מאָדערנע וויסנשאַפֿטלעכע גראַמאַטיק פֿון יידיש, זײַן *Praktische Grammatik der jiddischen Sprache für den Selbst-unterricht* וואָס איז אַרויס אין ווין און לײַפּציג בערך 1918 אַלס נ' 128 פֿון דער סעריע *Die Kunst der Polyglottie*; אויך די ערשטע מאָדערנע פֿילאָלאָגישע שטודיע פֿונעם העברעאיש און אַראַמיש קאָמפּאָנענט אין יידיש, זײַן דאָקטאָר־דיסערטאַציע, וואָס איז אַרויס אין 1922: *Das hebräische und aramäische Element in der jiddischen Sprache* (לײַפּציג 1922). בירנבוים האָט אויך דער ערשטער אין אונדזער יאָרהונדערט געלערנט יידיש אין אַ מערבֿדיקן אוניווערסיטעט (אין האַמבורג אין 1922).




שלמה בירנבוים

געצייכנט פֿון ד. ש. פּראַווער

בירנבוים האָט אַנטדעקט דעם כּתבֿ־יד וואָס איז בשעתו געווען דער עלטסטער באַקאַנטער דאַטירטער יידישער מאַנוסקריפּט (זע זײַן "Das älteste datierte Schriftstück in jiddischer Sprache" אין *Beiträge zur Geschichte der deutschen Sprache und Literatur*, 56 (1932), 11-22.

בירנבוים האָט דער ערשטער אַרויסגעזאָגט די השערה אַז יידיש איז אַלט בערך טויזנט יאָר (אין 1929 אין זײַן אַרטיקל וועגן יידיש אינעם בערלינער *Jüdisches Lexikon* (3, 270), אַ מיינונג וואָס ער האָט מאָטיווירט פֿילאָלאָגיש אין זײַן באַרימטער עסיי, "The Age of the Yiddish Language" וואָס איז אַרויס אין לאָנדאָן אין *Transactions of the Philological Society* (1939, 31-43). אָט די מיינונג איז געוואָרן די סטאַנדאַרדע שטעלונג צו דער פּראָגע מצד „דער יידישיסטישער שול", מיט מאַקס ווײַנרײַכן בראָש, קעגן וועלכער ס'האָבן זיך געשטעלט אַ ריי געלערנטע, צווישן זיי יחיאל פֿישער (דער שפּעטערדיקער בן־נון), נתן זיסקינד און דזשיימז מאַרשאַן.

בירנבוים איז אויך דער גרינדער פֿון דער היסטאָרישער יידישער פֿאָנאָלאָגיע. דער ערשטער האָט ער אויסגעפּלאָנטערט און סיסטעמאַטיזירט די וואָקאַלן פֿון יידיש און זיי קאָרעלירט מיט די שײַכותדיקע סעמיטישע, גערמאַנישע און סלאַווישע קאָרעלאַטן, אין זײַן "Übersicht über den jiddischen Vokalismus" וואָס איז דערשינען אין זשורנאַל *Zeitschrift für deutsche Mundarten*, 18 (1923), 122-130 (זע אין איצטיקן באַנד, ז' 59).

ער איז דער בויער פֿון דער יידישער פּאַלעאָגראַפֿיע. לעגענדאַריש איז געווען בירנבוימס פֿעיִקייט צו באַקוקן אַשטייגער אַן אלף און פּסקענען דערויף אַז ס'איז פֿון אַזאַ און אַזאַ אָרט, פֿון אַזאַ און אַזאַ יאָרהונדערט; זע זײַן "Paleography: Manuscripts in Old Yiddish" אין D. Katz, ed., *Origins of the Yiddish Language* (1987), 7-11. טאַקע איבער העברעאישער און יידישער פּאַלעאָגראַפֿיע האָט בירנבוים אַרויסגעגעבן צוויי ריזיקע בענד, *The Hebrew Scripts* (לאָנדאָן 1954-1957 און ליידן 1971). אַז איך האָב דאָס ערשטע מאָל אַוועקגעשיקט שלמה בירנבוימען אַ בריוו, אַן אָפּגעקלאַפּטן אויף אַ מאַשינקע, מערניט די חתימה איז געווען געשריבן, האָט ער מיר געשריבן אַז אויפֿן סמך פֿון דער חתימה ווייס ער אַז איך שרײַב מיט דער לינקער האַנט (געווען גערעכט).

שווער אויסשעפּן די געביטן וואו בירנבוים איז געווען דער ראשון, דער בויער פֿון אַ נײַעם צווײַג יידיש־וויסנשאַפֿט. צו די אַלע אַנדערע אויפֿטוען האָט ער אויך מיסד געווען די יידישע גראַפֿעמיק — די אַבסטראַהירונג פֿון דער לינגוויסטישער סיסטעם פֿון אַ שרײַבער פֿון אַמאָל אויפֿן סמך פֿון זײַן אָרטאָגראַפֿיע; זע זײַן "Umschrift des ältesten datierten jiddischen Schriftstücks", אין Teuthonista, 8 (1931-1932), 197-207.

אָט אָ די אַלע גראַנדיעזע אויפֿטוען, אַלע פֿאַרעפֿנטלעכט אויף דײַטש אָדער ענגליש, האָבן צוויי מאָל געהאַט אַ פּעולה: ערשטנס, די עצם פּיאָנעריש־וויסנשאַפֿטלעכע דערגרייכונגען, דאָס דערגרונטעווען זיך מער און מער צו דער פֿאַרבאָרגענער געשיכטע פֿון יידיש אויף אַ הויכן וויסנשאַפֿטלעכן ניוואָ; און צווייטנס דאָס אַרויפֿטראָגן יידיש צום אויבנאָן אויף דער אינטעלעקטועלער וועלט־בינע פֿון דער אייראָפּעאישער און סעמיטישער פֿילאָלאָגיע. נאָך בירנבוימען און אַדאַנק בירנבוימען איז שוין נאַטירלעך געוואָרן אַז פֿאָרשונגען אויפֿן געביט פֿון יידיש זאָל מען טרעפֿן אויף די שפּאַלטן פֿון די סאַמע אָנגעזעענע און פּרעסטיזשפֿולע געלערנטע זשורנאַלן. הײַנט ווערט דאָס אָנגענומען פֿאַר נאָרמאַל. אָבער אין דער היסטאָרישער סאָציאָלאָגיע פֿון דער זאַך איז דאָס קיין יש מאין לחלוטין ניט געווען.

פֿון דעם וואָס אַזויפֿל יסודותדיקע פֿאָרשונגען האָט בירנבוים פֿאַרעפֿנטלעכט אויף דײַטש (און פֿון זינט זײַן באַזעצן זיך אין ענגלאַנד אין 1933, אויף ענגליש), קען עמעצן אײַנפֿאַלן אַז שלמה בירנבוים האָט געהערט צו דער מחנה אַסימילאַטאָריש געשטימטע יידישע וויסנשאַפֿטלײַט וואָס גריבלען זיך אַרײַן אין יידיש. אַ ראיה דערויף אויף וויפֿל מ'טאָר ניט אַרײַנרוקן מענטשן אין סטערעאָטיפּן־טישקעסטלעך! אַ זון פֿונעם גרויסן נתן בירנבוים, איז שלמה בירנבוים דערצויגן געוואָרן אין ווין און טשערנאָוויץ אין די יאָרן פֿון זײַן טאַטנס צוריקקער צום טראַדיציאָנעלן יידישן לעבנס־שטייגער און איז כל ימיו געווען אַ פֿרומער ייד.

אַ וועלט מיט אַרבעט האָט שלמה בירנבוים אַרויסגעגעבן אויך אויף יידיש. טיילמאָל זײַנען דאָס טאַקע געווען טעכנישע פֿילאָלאָגישע אַרבעטן וואָס האָבן אויפֿן שטייגער פֿון זײַנע דײַטשישע שריפֿטן גוואַלדיק מחדש געווען, אַשטייגער זײַן פֿאַרטיפֿטע אַרבעט „די היסטאָריע פֿון די אַלטע U-קלאַנגען אין יידיש" וואָס איז

אַרויס אין 1934 אין די *ייוואָ בלעטער* (6: 25-60).

די מערסטע אַרבעטן זײַנע אויף יידיש גיבן זיך אָבער אָפּ מיט פֿראַגן אין תחום פֿון יידיש ריידנדיקן פֿאָלק. ער האָט געהאַלטן אַז אי דעם געשריבענעם יידיש אי דעם גערעדטן סטאַנדאַרד יידיש דאַרף מען בויען אויף די דרומדיקע דיאַלעקטן: צענטראַל־מזרח יידיש (פּאָפּולער „פּויליש") און דרום־מזרח יידיש („אוקראַיניש"); ניט לויטן אָנגענומענעם סטאַנדאַרד וואָס בויט זיך דער עיקר אויף צפֿון־מזרח יידיש („ליטוויש"). דערצו האָט ער געהאַלטן אַז אין דער מאָדערנער יידישער אָרטאָגראַפֿיע זײַנען פֿאַראַן צופֿיל איבערבלײַבעכצן פֿון דער דײַטשמערישער שרײַבונג פֿון סוף נײַנצנטן יאָרהונדערט. זײַן סגולה צו די ביידע זאַכן איז געווען אַן אויסלייג וואָס בויט זיך אויפֿן דרומדיקן יידיש און וואָס וואַרפֿט אַרויס יענע (היסטאָריש גערעדט) דײַטשמערישע שרײַבונגען וואָס זײַנען פֿאַרבליבן אין אונדזער (בעצם: בער באָראָכאָווס און זלמן רייזענס) אָרטאָגראַפֿיע. אויף אָפּצושפּיגלען דעם דרומדיקן וואָקאַליזם האָט בירנבוים גענוצט ניקוד, אַשטייגער: *זון* אויף דרומדיק יידיש zin ('די זון וואָס שײַנט') כנגד *זון* אויף דרומדיק יידיש zīn ('אַ זון מיט אַ טאָכטער'), וואָס אין מאָדערנעם סטאַנדאַרד יידיש שרײַבן זיי זיך ביידע *זון*, און מ'רעדט זיי ביידע אַרויס zun. צווישן די שטריכן פֿון אַלטן פֿאַרמשכילישן יידיש וואָס זײַנען פֿאַרפֿאַלן געוואָרן געפֿינט מען יוד אַנשטאָט עין אויפֿן אומבאַטאָנטן וואָקאַל אינמיטן וואָרט — *גיגאַנגין*, ניט *געגאַנגען* — און דאָס שרײַבן ווערבאַלע פּרעפֿיקסן באַזונדער — *אַריין גיזאָגט*, ניט *אַרײַנגעזאָגט*). אויף צו פֿאַרשפּרייטן זײַן אויסלייג האָט בירנבוים אַרויסגעגעבן אַן אָרטאָגראַפֿישן ווערטערבוך אין 1932 (*יידיש ווערטער־ביכל פֿון אויסלייג, גראַמאַטישן מין, בייגונג און וואָרט־קלאַס. מיט די נייטיקסטע כללים פֿון אויסלייג*, פֿאַרלאַג בית יעקבֿ, לאָדזש). בירנבוימס אויסלייג איז אָנגענומען געוואָרן אין די פֿאַרמלחמהדיקע בית יעקבֿ שולן אין פּוילן און ווערט הײַנט אויפֿגעלעבט אין חסידישע קרײַזן אַדאַנק ר' שמואל הײַלעס נײַער יידישער גראַמאַטיק פֿאַר טראַדיציאָנעלע חדרים וואָס דאַרף בקרובֿ דערשײַנען.

סך־הכלען פֿון בירנבוימס אויפֿטוען קען מען געפֿינען בײַ קאַץ, אין *Journal of Semitic Studies*, 26: 171-176 (1981); בײַ דענמאַן אין *הספרות*, 10, 3-4\35-36: 252-262 (1986); און בײַ הײַלע אין Dov-Ber Kerler, ed., *History of*

*Yiddish Studies*, 3-13 (1991).

אידעאָלאָגיש איז בײַ בירנבוימען ניט געווען קיין סתירה צווישן אַ הייסן אהבֿת יידיש און אַ הייסן ברען צום תורה לעבן. פֿאַרקערט, בײַ אים איז דאָס געווען נאַטירלעך און קלאָר אַז יידיש איז דער טיפֿסטער אויסדרוק פֿון דער נשמה פֿונעם אַשכנזישן יידן, אַז די אמתע ציוויליזאַציע זײַנע איז די אַלטע אַשכנזישע קולטור וואָס פֿירט זיך לויט די תרי"ג מצוות. אָט דער סימביאָז איז קלאָר שוין פֿון זײַן סאַמע ערשטן אַרטיקל אויף יידיש („ווי אַזוי יידן לעבן אין אַשכנז", ניו־יאָרקער *טאָגעבלאַט*, 27סטן יולי 1921) אַזש ביז צו זײַן סך־הכל פֿון אַ לעבנס־אַרבעט, זײַן *Yiddish. A Survey and a Grammar* (מאַנטשעסטער 1979). אַן עלטער טראַדיציאָנעלער אַשכנזישער ייד און אַן עלטער גאון צווישן די געלערנטע פֿון דער מערבֿדיקער וועלט, איז שלמה בירנבוים אין אַלע זײַנע ווערק געניאַל, אָריגינעל, געוואַגט.

הירשע־דוד קאַץ

# אָקספֿאָרדער ייִדיש

## II

רעדאַקטאָר

הירשע-דוד קאַץ

האַרוואוד אַקאַדעמישער פֿאַרלאַג

בשותפות מיטן

אָקספֿאָרדער צענטער פֿאַר העכערע העברעאישע שטודיעס

# אָקספֿאָרדער ייִדיש

II

1991

רעדאַקטאָר

## הירשע־דוד קאַץ

פֿון דער משפּחה קאַץ
רבקה און הירשע־דוד

האַרוואָוד אַקאַדעמישער פֿאַרלאַג
קור, לאָנדאָן, פּאַריז, ניו־יאָרק, מעלבורן
בשותּפֿות מיטן
אָקספֿאָרדער צענטער פֿאַר העבֿרעאישע שטודיעס

אָקספֿאָרדער
ייִדיש

# *OKSFORDER YIDISH*
# A YEARBOOK OF YIDDISH STUDIES

## II

**Edited by**
**Dovid Katz**

harwood academic publishers
in cooperation with the
Oxford Centre for Postgraduate Hebrew Studies

ISBN 3-7186-5206-4
ISSN 1044-3614

# *OKSFORDER YIDISH*

# A YEARBOOK OF YIDDISH STUDIES

## II

## 1991

Edited by
Dovid Katz
*Oxford Centre for Postgraduate Hebrew Studies*
*and*
*St Antony's College, Oxford*

harwood academic publishers
chur london paris new york melbourne
in cooperation with the
Oxford Centre for Postgraduate Hebrew Studies